NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02261

OA

Itzik Kipnis

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אי. קיפּניס

אָאַ

הילע און צייכענונגען—צ פּ אָ נ י ע

צ ע נ ט ר פ אַ ר ל אַ ג
מ י נ ס ק — 1929

מינסק, דרוקעריי פֿון ווייס-
רוסישן מעלוכע - פֿאַרלאַג.
באַשט. 393. טיראַזש 3000.
גלאַוולִיטבעל 1252.

אָאַ.

ווען איז דאָס געווען?

— ווײַזט אויס זייער לאַנג.

מע דאַרף זיך אומקוקן צוריק און קוקן, און קוקן, און קוקן. קוקן אַזוי לאַנג, ביז ס׳וועלן אַוועקשווימען די שטעט, ביז ס׳וועלן אַוועקשווימען די דערפער און ביז ס׳וועט אַפילע קיין איין שטוב קיין מענטשישע נישט בלײַבן. פון אונדזערע סעדער מיט גערטנער וועט נאָך קיין זייכער נישט זײַן, ווײַל דענסטמאָל האָבן אַפן אָרט פון אונדזערע איצטיקע הויך און שיין געביטע שטעט געהויערט שטיינער באַוואַקסענע מיט מאָך, זיך געצויגן בוימער טויזנטיאָריקע צו די הימלען און זיך געפלאָכטן אין געדיכטע פאַרצווײַגטע וועלדער.

ווו נישט ווו האָט אַ טײַכל געלעקט די וואָרצלען פון די בוימער און זיך געשלענגלט צווישן וועלדער; ווו נישט ווו האָט אַ קוואַל געשלאָגן טאָג אײַן טאָג אויס, יאָר אײַן יאָר אויס, געזונגען איין און דעמזעלביקן אומעטיקן ניגן, און קיינער האָט זיך צו אים נישט צוגעהערט. און דאָס איבעריקע זײַנען געווען גרויסע שפיגל־יאַמען, וועלכע האָבן זיך אַמאָל מיט די ווינטן געשפילט און געטריבן גרויסע כוואַליעס שוים, אַמאָל אַנטקעגן הימל זיך געצויגן און געשפיגלט זיך מיט זון.

צווישן די דעמלטיקע כאַיעס, וואָס האָבן דענסטמאָל געשפאַצירט איבער די וועלדער, זײַנען אויך אַרומגעגאַנגען צווייפיסיקע באַשעפענישן אַזעלכע, באַוואַקסענע, נאַקעטע—ווען דערשראָקענע און דערפרוירענע, צעקאַעסטע און פאַרביטערטע, און ווען אַזוי־זיך. בעשאַס דער מאָגן איז געווען פול, די זון האָט געוואַרעמט און קיין סאַקאָנע איז נאָענט נישט

געווען, האָט מען זיִך אַ שפּיִל געטאָן איבּערן וואַלד אַף אַ גלאַטן שטיִקל פּלאַץ, אַ שמייכל געטאָן און זיִך געפּרוּווט מיִט די ציין און מיִט די פֿיִנגער דראַפּען איינאַנאַנדער און ראַנגלען זיִך אַף צוקלוימערשט. אָט די אָ כאַיעס, וואָס זיַינען געגאַנגען נאָר אַף צוויי פֿיִס און מיִט אַ האַלב אויסגעגליַיכטן אוּפֿגעשטעלטן רוּקן, זיַינען, וויַיזט אויס, געווען די אוּר־אוּר־אַלטע מענטשן אוּנדזערע, אַזוי צוּ זאָגן, עלטער־עלטער־זיידעס.

פֿוּן איינעם פֿוּן אָט די כאַיעס וויִל איך איַיך איִצט וואָס דערציילן— אָאַ האָט ער געהייסן.

פֿוּן אַלדאָס ערשט האָט ער גאָרניִשט געהאַט קיין נאָמען. נאָר שפּעטער אַביִסל, ווי איִר וועט באַלד זען, האָט ער געמוּזט באַקוּמען אַ נאָמען, האָט מען איִם גערוּפֿן אָאַ.

אָאַ, אַז ער האָט זיִך אַליין געפֿוּנען און דערזען זיִך, איִז ער שוין געווען אַ היִפּשע כאַיע. ליגנדיִק האָט ער שוין פֿאַרנוּמען אַ שטיִק פּלאַץ עפּשער פֿוּן צוויי שפּאַן איִנדערלענג. אַ מאָגערער איִז ער געווען און איינער אַליין געלעגן איִן אַ גרוּב, און איִן בויך האָט איִם שטאַרק געביִסן, ער האָט געוואָלט עסן. געהאַט האָט אָאַ אַמאָל טאַטע מאַמע, און נאָך אַסאַך אַזעלכע כאַיעס ווי ער זיַינען איִן דעם קאַנט געווען, נאָר אַנוּמלטן איִז זיי אויסגעגאַנגען שפּייז אַף דעם וויִנקל. שווער איִז זיי געווען צוּ געפֿיִנען אַ כאַיע אַף האַרגענען, און גראָז זיַינען געווען איִן דעם קאַנט וויִנציִק, האָבּן זיי זיִך אויסגעקליִבּן איינמאָל פּלוּציִם דעריִנען און געלאָזן זיִך גיין איִן אַן אַנדער וואַלד, אָאַ איִז דענסמאָל קראַנק געווען, האָט מען זיִך ניִט געוואָלט שלעפּן מיִט איִם, קליינע כאַיעלעך מוּז מען טראָגן, זיי זיַינען פּיִצעלעך, זיי זיַינען קיִנדער און קענען ניִט גיין, איִז ער געבּליִבּן.

וויִפּל מאָל איִז געוואָרן ליִכטיִק און פֿיִנצטער, ביִז ער איִז געזוּנט געוואָרן, וויים ער ניִט, ער ווייס אַפֿיִלע ניִשט צי מיִט איִם איִז עפּעס געשען, ער האָט זיִך געפֿוּנען איִן וואַלד. פֿוּן הייל האָט ער, ווי עס וויַיזט אויס, שוין לאַנג אַרויסגעפּויזעט און פֿאַרקראָכן אַהער, מאָגער איִז ער געווען, און איִן בויך האָט איִם געקיִצלט עסן, האָט ער זיִך צוּגערוּקט צוּ אַ בּוים, גענוּמען גריִזען פֿוּן איִם די קאָרע און שפּעטער (די קאָרע איִז געווען ביִטער) האָט ער זיִך גענוּמען צוּ די וואָרצלען, פֿאַנאַנדערגעקאַלוּפּעט די ערד פֿוּניבּן און נאָכדעם זיִך אָנגעגריִזעט מיִט דעם זאַפֿטיִקן

... כאַיעלעך פּיר פּיסיקע צו האַרגענען.

האַרטן וואָרצל. אַסאַך מאָל איז שוין אָאַן געוואָרן ליכטיק און פינצטער, און ער איז שוין אויסגעוואַקסן נאָך אַף אַ האַלבן שפּאַן און געוואָרן געזונט. פאַר דער צײַט האָט ער זיך אַסאַך זאַכן אויסגעלערנט. ער האָט שוין באַוויזן אַזעלכע כאַיעלעך פיר פּיסיקע צו האַרגענען און זיך אָנזויגן מיט זייער בלוט, און טאָמער איז ער געוואָרן ווײַטער הונגעריק און ס'ניט געווען קײַן וואַרעמס, האָט ער געביסן דעם קאַלטן פלייש מיט זײַנע שטאַרקע ציין. איינמאָל האָט ער דערפילט, אַז אין דעם אָרט, ווו ער איז געלעגן, לעם דער כאַיעס וואָל, איז אים וואַרעמער ווי ערגעץ אַנדערש, האָט ער זיך ניט געפוילט, אָפּגעריסן אַ פּאָר שטיקלעך פעל פון כאַיעלעך און די גאַנצע קאַלטע צײַט אַרומגעשלעפּט זיך מיט שטיקלעך פעל פאַרוואָרפן אָדער אַף דער פלייצע אָדער אַפן פאָרנט און זיך צוגעלערנט היטן פון גרעסערע כאַיעס, וועלכע האָבן שווערע טרעטערס און שאַרפע צעקאַסטע בײַסערס. ער פלעגט זיך אַרופכאַפּן אַף אַ בוים און קוקן ווי יענע שטיקט און רײַסט אַ קלענערע כאַיע און האַלט אין איין פרעסן. ניט איינמאָל פלעגט אָאַ ניט פאַרגינען דער כאַיע דעם עסן אירן, און געבן אַ רעווע פון פולן בויך, אַז יענע זאָל זיך דערשרעקן און אַנטלויפן, און אויב ניט, האָט ער זיך ניט געפוילט אָפּברעכן אַ צווײַג אויך און געבן אַ שמײַס אַהין, און מיט שטעקנס אָדער מיט שטיינער זיך שלאָגן האָט ער געקענט שוין פון לאַנג.

אָאַ באַקומט אַהיים.

אָאַ פלעגט שרעקלעך מוירע האָבן פאַר אַ רעגן, אָבער זיך באַהאַלטן פאַרן רעגן האָט ער נאָך ערגער מוירע געהאַט. און טאָמער פלעגט אַראָפּ אַ רעגן, פלעגט ער נאָר שטענדיק פאַרײַסן דעם קאָפּ און שטיין אונטערן גאָס. איינמאָל איז אַוועק אַ שלאַקסרעגן, אָאַ האָט ווי שטענדיק אַ לאַנגע צײַט זיך צוגעהערט ווי די רעגן-בײַטשן שמײַסן אים אין פלייצע און צוואָגן אים די האָר פונם נאַקעטן לײַב. פלוצים האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און זיך געלאָזן לויפן. די בוימער אין וואַלד זײַנען געדיכט. דער רעגן איז נאָך געדיכטער. אָאַ גייט צווישן און אונטער, און דערזען אַ באַקאַנטן בוים אַן אויסגעהוילטן, האָט ער לאַנג ניט געקלערט, גענומען מיט

... און קוקן ווי יענע שטיקט און רייסט אַ קלענערע כאַיע.

האַנט און מיִט פֿוס זיִך אַרופֿגעקלעטערט אַפֿן בוים און אַרײַן איִן אויסגעהוילטן כאָלאָל. פֿון רעגן איִז ער שוין דאַווקע געווען געשיִצט, אָבער ער האָט נאָך שטאַרקער מוירע געהאַט און איִז געזעסן און געציִטערט.

אַקעגן איִז געשטאַנען נאָך אַ בוים מיִט אַ כאָלאָל. פלוצים האָט אָאַ דערשמעקט עפּעס דאָרט אַ כאַיע איִן בוים, דער רייעך איִז עפּעס געווען אַנדערש ויִ דיִ כאַיעס, וואָס ער עסט און ויִ דיִ, פֿאַר וועלכע ער האָט מוירע. אָאַ האָט מיִט שרעק און מיִט אַן אייַנגעהאַלטענעם אָטעם גענומען קוקן אַהיִן צו יענעם בוים. פֿונדאָרט האָט אַרויסגעקוקט אַ באַשעפֿעניִש אויך אַף צוויי און מיִט אַן אויסגעגלייַכטן רוקן און געציִטערט.

אָאַ האָט זיִך אַליין געקאָנט זען נאָר איִן טײַך, און אייַנמאָל איִן אַ טיִפֿער גרוב וואַסער האָט ער אָזאַ געזען. ער האָט איִם געוויִזן אַ האַנט, האָט יענער איִם צוריִק געוויִזן, ער האָט צו איִם געוואָרפֿן מיִט אַ שטעקן, האָט יענער צוריִק געמאַכט, און איִצטער זעט ער עס אַף אַ בוים פונקט אָזאַ כאַיע ויִ יענע. עפּשער איִז דאָס ווײַטער יענע כאַיע? אָאַ האָט געגעבן אַ געשריי, יענע כאַיע האָט געציִטערט, געקוויִטשעט איִן זיִך, און גענומען מיִט בעטנדיִקע אויגן אַרומקריִכן אַרום זײַן בוים. אָאַ איִז אַרויסגעשפּרונגען און גענומען אַנטלויפֿן, אָבער זיִ, דיִ צווייטע כאַיע, איִז ניִט געלאָפֿן, זיִ איִז נאָר נאָכגעגאַנגען שטיִל נאָך איִם. אָאַ ט׳זיִך אַלעמאָל אומגעקוקט און געזען, אַז ס׳ניִט ער, ס׳איִז אַזאַ ויִ ער, נאָר מיִט לענגערע וואָל אַפֿן קאָפּ, וועלכע שלעפּט זיִך איִר נאָך, האָט אָאַ אופֿגעהערט לויפֿן, נאָר אַזוי זיִך געגאַנגען איִבדערלענג, באַם ברעג פֿון טײַך. איִן טײַך זײַנען געשווומען קאַטשקעס, איִז אָאַ אַרײַן איִן וואַסער, זיִך אונטערגעטוקט און שטיִל, שטיִל צוגעוואַרט, אַ קאַטשקע איִז צוגעשווומען נאָענט, האָט אָאַ זיִ געגעבן אַ שלעפּ פֿאַרן פֿיִסל און איִז אַרויס אַפֿן ברעג מיִט גרייטן עסן, אָאַ עסט, און יענע באַשעפֿעניִש טיִזיִך אַוועקגעזעצט נאָענט־ווײַט און קוקט.

אַפֿריִער האָט אָאַ דערלאַנגט אַ בייזן קוק אַהיִן צו איִר, האָט אויסגעשפּײַט דיִ פֿעדערן און געריִסן מיִט דיִ געזונטע ציין זײַן וואַרעמען רויב. יענע כאַיע איִז אָבער ניִט אַוועקגעגאַנגען און אַקשאָנעסדיִק געוואַרט ביִז אָאַ האָט אָפּגעגעסן. און ערשט דענסטמאָל זיִך צוגערוקט אונטערקלײַבן דיִ שיִראַיִם. ניִט זיִ האָט מוירע געהאַט, ניִט זיִ האָט געפֿרעגט, אַזוי

זיך צוגערוקט און מיט גרויס פּאַכאַד גענומען אַרומריזען די ביינדלעך, די פליגעלעך און אופקלייַבן די שיראַים. אַאַ האָט ניט אופגעהערט קוקן אַף איר און פלוצים זיך צעשמייכלט.

— אַאַ!—האָט זי געגעבן אַ זאָג מיט אַ גראָבן מאַנסבילשן קאָל און געוויזן אַף אָאַן.

אַאַ האָט אַ לאַנגע צייַט זיך צוגעהערט און פאַרגעדענקט, „אַאַ" האָט זיך באַ אים צעגאָסן אין קאָפּ, און פונדעסטמאָל איז טאַקע באַ אים געבליבן דער נאָמען אַאַ.

— אַאַ!—האָט זי אים נאָך אַמאָל געזאָגט און ט'זיך אופגעהויבן גיין. דאָ איז אַאַ אַוועק נאָך איר, און זי האָט אים פאַרפירט צוריק צום בוים. פון בוים האָבן אַרויסגעשטעקט קעפּעלעך פון צוויי קינדער און גענומען קלאַפּן אייַנאַנאַנדער אין די בייַכער אין העלדזער פאַר פרייד, „גום" האָבן זיי געשריען, און „גום" האָט זיי דערלאַנגט די איבערגעבליבענע ביינדלעך און נאָך אַ פראָש האָט זי זיי געבראַכט צוטראָגן פון טייַכל. די כעוורע האָבן זיך צוגעכאַפּט און גענומען עסן. אַאַ האָט לאַנג געקוקט, און אים האָט זיך שטאַרק געגלוסט אַ שמיץ טאָן אַ שטיין אין נעסט אַרייַן גלאַט אַזוי, אָבער אַזוי הונגעריק איז ער ניט געווען און דורשטיק אויך ניט, האָט ער זיך אַרופגעקליבן אַף זייַן בוים. ס'שוין פינצטער און ער איז זאַט, די אויגן קלעפּן זיך אים, וועט ער שוין דאָ שלאָפן. ס'האָט ניט גע־ווערט קייַן רעגע, און „גום" האָט אייַנגעדעקט די קינדער מיט גראָז און איז אַרוף צו אָאַן אַפן בוים, פריער ניט זיכער און דערנאָכדעם שוין דרייסט זיך געזעצט צו אָאַן אַף זייַן צווייַג, עטוואָס צוגעטוליעט צו אָאַס לינקער האַנט. אָאַן איז געווען עפּעס זייער גוט. ער האָט זיך ניט מוירע געהאַט און נאָך צוגעהאַלטן גומען פאַר אַ שטיק האַנטביין, זי זאָל זיך ניט אַראָפּרייַסן.

אינדערפרי האָט ער זיך נאָך אַביסל געשפּייַט און געקאַסט זיך, אָבער צום טייַך טרינקען זייַנען זיי שוין אַוועק אינצווייען.

אַסאַך מאָל איז געוואָרן ליכטיק און פינצטער, נאָר אָאַ האָט אָפּגע־היט דאָס אָרט, זעלטן ווען אַרייַנגעקוקט אין יענעם בוים, ווו די עסערס

האָבן געפּישטשעט און זיך געדראַפּעט. געשלאָפן איז ער אָבער שטענדיק באַ זיך אין בוים און שטענדיק אײַנצווייען מיט גומען; אין גוטע שאָען, ווען ס׳איז אים געווען ליב דאָס לעבן, האָט ער אַנידערגעלייגט זײַן קאָפּ צו גומען אַף די קניִעס, און יענע האָט אים געקאָרפּעט מיט די האַל־טערס אין קאָפּ און מונטער געקוויטשעט אין־זיך: אַאַ! אָאַ! אַאַ!

איינמאָל, אַזוי ליגנדיק, זײַנען זיך אַראָפּגעקלעטערט ביידע עסערס פֿון זייער נעסט און אַרופֿגעלאָפן צו גומען אַפן בויך, אַנגעכאַפּט מיט די ציינער די וואַרעמע אָנוואַקסן אונטערן האַלדז און געגומען עסן; אַאַ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַף די עסערס און איינעם פֿון זיי אַרויסגעזעצט אַ קוי־קער פֿון שטערן. אַז גום האָט דערזען אַזאַ זאַך, האָט ער געכאַפּט אַ שטיק בוים און געגעבן אָאַן איבערן קאָפּ. אַאַ האָט גענומען זיך אָפּרוקן, נאָר גום האָט אים לאַנג ניט אָפּגעלאָזן, נאָכגעלאָפן מיטן האָלץ און געקוויטשעט.

עטלעכע מאָל איז געוואָרן ליכטיק און פֿינצטער, און אַאַ האָט זיך ניט געוויזן צום בוים. דער קליין עסערל מיטן איין קוקער האָט די גאַנצע צײַט געקרעכצט אין נעסט, און גום איז גאַנצע טעג אַליין אויסגעגאַנגען נאָך עסן, אַמאָל האָט זי געבראַכט מילך אין די אָנוואַקסן און אַמאָל זײַ־נען זיי געווען איינגאַנצן ליידיק. ביז איינמאָל האָט זיך אַראָפּגעוויזן אַאַ מיט אַ האַלבער אָפּגעריסענער כאָיע איבערן האַלדז פֿאַרוואָרפֿן, זיך דער־נעענטערט און מוירע געהאַט צוגיין. גום האָט זיך אונטערגעגאַנוועט און אַ שלעפּ אַראָפּ געטאָן דעם פֿלייש און גלײַך געכאַפּט רײַסן מיט די בײַסערס.

אָאַ האָט זיך אַנידערגעזעצט וואַרטן, און איז שוין אַזוי געבליבן צו־ריק אין זײַן היים.

גום איז ווײַטער פֿון טײַך ניט געגאַנגען, געהאַלטן זיך נאָענט צו די עסערס פֿאַרדערפֿאַר.

אָאַ פֿלעגט זיך אומשלעפּן ווײַט און אָפּט זייער ווײַט. און אַמאָל אַפּי־לע איבער פֿינצטערן אין דער ווײַט, ביז ער פֿלעגט פּאַטשאַפּען עפּעס עסן. אָפּעסן און אַוועקגיין, דערנאָך זיך דערמאָנען און כאַפּן די שטיקלעך פֿעל,

... און געגעבן אָאַן איִבערן קאָפּ.

די שטיקלעך גייערס און דעם קאָפּ און טראָגן אַהיים. אינמיטן וועג דאַרף ער נאָך נאָכאַמאָל אָפּעסן און דאָס רעשטע פֿונדעסטוועגן ברענגען פֿאַר גומען און זײַנע עסערס.

איינמאָל נאָך אַזאַ אַ וועג נעענטערט זיך אָאַ צום בוים און זעט, אַז גום קאַטשעט זיך איבער דער ערד, רעוועט און האַלט זיך באַם בויך. איינמאָל האָט אים אויך געמוליעט דער בויך, איינמאָל שוין לאַנג, ס׳ניט געווען, וואָס צו עסן, נאָר ניט אַזוי. ער טראָגט איר די שטיקלעך עסן, שפּײַט זי זיך און טרײַבט אים. האָט ער געמוזט אַוועקגיין, נאָר דער בויך איז שוין באַ גומען אַזאַ גרויסער אַסאַך העכער ווי די אָנוואַקסן אונטערן האַלדז.

אַוועק אָאַ צום טײַכל אַביסל, אָבער ער ט׳זיך ניט אײַנגעהאַלטן און געקומען צוריק.

ערשט לעם גומען ליגן נאָך צוויי עסערלעך. און באַ גומען זײַנען די קוקערס נאַסע און זי שמייכלט. פֿריער האָט אָאַ געמיינט, אַז ס׳זײַנען געכאַפּטע כאַיעלעך, אָדער געפֿונענע און זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיי, שפּעטער האָט ער אָבער דערקענט, אַז ס׳איז ווײַטער עסערלעך, און גום שלעפּט זיי אַפֿן האַרצן און שטופּט זיי די אָנוואַוקסן אין מויל.

אָאַ איז געוואָרן שטאַרק בייז און אומצופֿרידן פֿון אַזאַ זאַך. קוים איבער געפֿינצטערט אַפֿן בוים און זיך אַוועקגעלאָזן אַזוי ווי נאָך שפּײַז, אָבער ער איז דאָס מאָל ווײַט ניט אַוועק, זיך אונטערגעזעצט אונטער אַ בוים און געוואַרט ביז גום האָט אײַנגענאַסטעט די קליינע עסערלעך אין בוים און מיט די גרויסע האָט זי זיך אַוועקגעפּלאָנטערט צום טײַך. האָט זיך אָאַ אופגעהויבן צוגעגאַנגען צום נעסט און אַרויסגעשלעפּטביידע עסערלעך. צעקלאַפּט גוט זיי, גוט אָן בוים, נאַקעטינקע זײַנען זיי נאָך געווען מיט זייער ווינציק וואָל, און ער האָט זיי פֿאַרשמיצט ווײַט.

דערנאָכדעם ערשט איז ער זיך זײַן אַוועק געוויינטלעכן וועג זוכן, ס׳זאָל זײַן וואָס לייגן אין מויל אַרײַן.

צום צווייטן פֿינצטער איז ער געקומען, זיך אונטערגעגאַנגעט צום בוים, מיט גרויס מורע, אָבער, צו זײַן גרויס כידעש, איז שוין גום דאָרט

ניט געווען, די גרויסע עסערלעך אויך ניט, און די נעסט איז געווען אַ קאַלטע און איינגאַנצן אַ פּאַרלאָזטע.

אָאַ האָט געשמעקט, געריסן זיך די וואָל, געשריען, די קוקערס זייַנען אים געוואָרן נאַס, דאָס האָט ער עפּשער דאָס ערשטע מאָל אין זייַן לעבן זיך צעוויינט. אָבער קיינער הערט אים ניט און קיינער ענטפערט אים ניט.

אין זאַמד.

ניט ווײַט פֿון פֿינלאַנד האָט אַ צונג וואַסער זיך געצויגן און איז צום ווײַטן יאַם געלאָפֿן. באַ דעמזעלבן יאַם האָט זיך אַ מאָל אַ זעמדעלע פֿאַרזייט, פֿאַרזייט און אויסגעוואָקסן.

יאָרן האָבן זיך געציילט אין די טויזנטער, און דער זאַמד האָט זיך צעוואָקסן אַף מײַלן, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט ביז דער זאַמד האָט זיך אויך צעוואָקסן אין אַ יאַם: אַ יאַם, אַ זאַמד־יאַם. אייגמאָל, אין אַ שטילער שאָ, ווען ס'געוואָרן אומעטיק ביידע יאַמען ליגן איינס לעבן צווייטן, האָבן זיי צווישן זיך גענומען פֿאַרברענגען, און זיך גענומען אַפֿילע ברוטשקען איינס מיטן אַנדערן: קען די וואַסער דעם זאַמד ניט פֿאַרגיסן, און ס'קען דער זאַמד די וואַסער ניט פֿאַרשיטן... און דער ווינט דרייט זיך, רוט ניט אײַן און רייצט איינעם אַף דעם צווייטן.

אָט העלפֿט ער דעם, אָט העלפֿט ער יענעם, אָבער אַזוי ווי ס'קומט פֿון דעם סאיווי גאָרניט אַרויס, פֿירן ביידע יאַמען צווישן זיך אַזאַ שמועס:

— טאָ וואָס פֿאָרט קענען מיר טאָן, ווען ס'ווערט אונדז אומעטיק.

און ס'איז באַ זיי געבליבן:

„באַרימער וועלן אַמאָל אַהער פֿאַרבלאָנדזשען, דאַרף מען זיך מיט זיי פֿאַמעלעכן אַ שפּיל טאָן".

שטייט אַ דאָרף אַרום דעם אויסגוס, שטייט שוין יאָרן לאַנג, די ווײַבער פֿלעכטן דאָרט נעצן, די יונגע לײַטלעך פּראַווען גנייוועס און די אַלטע? די אַלטע כאַפּן פֿיש, רויכערן לוקעס און אין די אָפּדערנאַכטן דערציילן זיי זיך איינער דעם אַנדערן, ווי זיי זײַנען אַמאָל יונג געווען, און אַז זיי האָבן נאָך ניט אַזעלכע קונצן געוויזן. נו איז גוט.



... די אַלטע כאַפּן פֿיש...

וואַקסן דאָרט אונטער אין איין יאָר פֿערצן באָכערים, אַלע איינס אין איינס, איינער קען פּופּצן פּוד טראָגן, דער צווייטער קען אַן אָקס דער־שלאָגן, אַ דריטער — אַ פֿינפֿטער — אַ צענטער קענען די ערגסטע הינט די מײַלער פֿאַרשטאָפּן, די שטאַרקסטע שלעסער נעמען, און אויב ס'שטייען פֿערד אונטער די שלעסער, איז אַבי גוטע — טאָ גיב זיי אַהער! און נאָך קונצן קענען זיי מאַכן די כעוורע. האָבן זיי טאָקע פֿאַר קיינעם קיין מוירע ניט. בעשאָס די אַלטע דערציילן מאַיסעס, שמייכלען די יונגע אונטער די וואָנצעס, פּינטלען אונטער מיט די אויגן, און כאַפּן אַ געגעניץ:

— מיילע. (עפּעס בעסערס האָבן זיי דאָך ניט, כוץ דערציילן וואָס אַמאָל איז געשען).

קומט איינמאָל אונטער אַ יעריד, נעמען כעוורע און ריידן אָפּ צווישן זיך:

— דאָרט און דאָרט איז דאָ אַ פּאָרעץ, האָט ער אַ שיינע טאָכטער.
— יאָ?
— טאָ זאָל ער זיך האַלטן מיט איר, האַלטן.
— האָט ער געלערנטע הינט.
— יאָ?
— קען מען זיי אַן אייצע געבן.
— האָט ער פֿערד אונטער שלעסער.
— אָט ווי?
— קענען זיי דאָך צוניץ קומען.
— גערעדט און געטאָן.

גאַנץ פֿרי רײַטן אַרויס פֿערצן יאַטן אַף פֿערצן פֿערד אין שטאָט אַרײַן אַפֿן יעריד, האַנדלען וועלן זיי מיט ווייץ און מיט קאָרן, ווייץ און קאָרן איז אָבער דאָרט ניט צו קריגן. האָבן כעוורע אין שענק זיך פֿאַר־טרונקען, ביז שפּעטלעך זיך פֿאַרזעסן, יאָ אַ לידל, ניט קײַן לידל, מאַ־טאָנעס אַהיים די מיידלעך ט'מען אײַנגעקויפֿט, די פֿערד שוין לאַנג אַף גאָלד אויסגעביטן, דאָס גאָלד אין די טאַשן, די מאַטאָנעס אין די בוזעמס. און זיך אַוועקגעלאָזן די יאַטן אַף אַ גאַנצער נאַכט מין אַ ניגן און מיט אַ פֿריילעכן געמיט איבערן זאַמד אין אַ צווייטן דאָרף אַף אַ צווייטן יעריד, עפּשער וועט דאָרט אויך ניט זײַן אומעטיק.

איִנמיִטן וועג צערײדן זײ זיִך די באָכעריִם און נעמען זיִך באַריִמען. אײנער זאָגט:

— לײג מיִר אָן אַ זאַק מיִט זאַמד אַף די פּלײצעס, און אַף דעם זאַק נאָך אַ זאַק, פאַרטראָג איִך איִם איִן דער צװײטער שטאָט.

זאָגט דער אַנדערער:

— װאָלט מיִר דאָ שטײן אַ בוים אַנטקעגן, רײַס איִך איִם אױס און טראָג איִם איִן דער רעכטער האַנט פאַר אַ זאָנטיִק, באַטאָג זאָל די זון ניִט באַקן.

... האָבן כעוורע איִן שענק.

זאָגט דער דריטער:

— גיט מיר אַ פערד, נעם איך פאַר די אונטערשטע פיס און וואַרף אים איבער איבער זיך.

— וועמען הערן מיר כעוורע?
— קיינעם ניט.
— מיר זײַנען בעריעס ווי אין פײַער ווי אין וואַסער.
— הוראַ!
— הוראַ!

געהאַט האָבן די כעוורע נאָך אַ פאָר פלעשלעך אין די טאַשן, האָבן זיי איבעראַנײַס אַ טרונק געטאָן, זיך אויסגעפּוצט אין סטענגעס, אַרום איז קיינער ניטאָ, נאָר נאַכט און הימל, זאַמד און וואַסער. דער זאַמד איז שוין געשלאָפן, די וואַסער אויך, און יענע כעוורע גייען און ליאַרעמען, זיי טומלען און היטן זיך ניט, אַזוי ווי באַ זיך אינדערהיים.

האָט עס טאַקע דעם זאַמד פאַרדראָסן,
וואָס פאַר אַ דערעכערעץ איז עס?

דערווײַל האָט זיך אַ ווינטל אַראָפּגעוויזן:

— וואָס פאַר אַ געסט זײַנען דאָס אַראָפּגעקומען אַזעלכע צעהוליעטע?

האָט זיך די נאַכט אַ הוידע געטאָן,
דער ווינט אַ טראָג אונטער געגעבן,
די וואַסער וויגט זיך,
דער זאַמד זינגט זיך.
— אַהאַ!—זאָגט איין באָכער,—אַ זאַווערוכע!
— עט!—זאָגט דער צווייטער—איך הער זיי אין פּיאַטע.

זאָגט דער דריטער:

— אַ שאָ גאַנג זײַנען מיר אַפּן וועג!
— מע לאַכט!—מאַכט דער זאַמד,—מע לאַכט!

דער זאַמד זינגט, דער ווינט שפּילט, און די וואַסער וויגט זיך; דער

זאַמד הויבט זיך גאַנצע לײַלעכערווייז זואום, זואום, און די יונגען ווערן דערוויילן בייז:

— פולע אויגן,—מאַכט איין יאַט,

— פולע אויערן!—מאַכט דער אַנדערער יאַט.

— טפו! אַ פולן מויל אָנגעשאָטן!—שילט זיך דער דריטער.

— לאָמיר זיך לייגן?

— ווי זיך לייגן? געגאַנגען זאָל ווערן!

און די כעוורע הוקען און שעלטן זיך, דער זאַמד הודעט און ברומט זיך נאָך, און דער ווינט רײַסט בערגעלעך און טראָגט זיי צו די פיס.

— אַ, אינדערערד!—מאַכט איין יאַט, און פאַרטשעפעט זיך, פאַלט אום.

— צו אַלדע רוכעס!—מאַכט דער צווייטער, און קען די פיס פון באַרג ניט אַרויסשלעפן.

— הו-הו!—רופן די באָכערים, מ'ע זאָל זיך ניט פאַרלירן.

— הוז-הוז!—ענטפערט דער זאַמד—ס'וועט אײַך ניט העלפן.

— ווו זעט מען אַ וועג?

— ניטאָ קײַן וועג.

— ווו לײַט מען אַף אַ ווײַלע אַנדערע אויגן?

— די אויגן זײַנען פאַרשאָטן.

— ג־גאַוואַלד־וואַלד!—רעווען די יאַטן און זײַנען אין קאַס.

האָט איינער אַרויסגעכאַפּט דאָס גאָלד און—אַ שמיץ אין דער ערד, האָט דער צווייטער אַרויסגענומען די מאַטאָנעס—אַ שמיץ אין דער ערד, און דער זאַמד נעמט צו, דעקט אײַן און באַהאַלט:

— גיט נאָך, עפּשער האָט איר. כעוורע זז־זז, זז־זז...

— וואָס־זשע טוט מען?

— גאָרניט טוט מען ניט!

קײַן וועג איז ניטאָ,

דער זאַמד האָט פאַרטראָגן.

קײַן קאָל הערט מען ניט,

דער ווינט פאַרטריבט.



... נאָר אַ מאַיסע איז געבליבן.

ווייסן ניט די יאַטן וואָס צו טאָן, וווהין צו לויפן, לויפן זיי מיט צעוואַלגערטע קעפּ, איינער אַפן צווייטן פאַלן זיי איינער איבערן אַנדערן.

— אַזוי,—מאַכט דער זאַמד, און געכאַפּט מיט איין באַרג טיזיי צוגעדעקט, מיט דעם אַנדערן זיי צוגעטראָטן, קיינער האָט ניט געזען קיין יונגלעך, קיינער האָט ניט געהערט אַזוינע.

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

אינדערפרי האָבן שוין מענטשן אַ נייעם וועג געדאַרפט לייגן אַפן זאַמדיקן יאַם, אינדערפרי האָבן שוין מענטשן געוווסט, אַז עמיצער האָט באַנאַכט געמוזט האָבן זיין פּסאָק.

אין טעג אַרום. דער דאָרף וואַרט אַף זיינע כעוורע, ניטאָ ניט קיין סימען, ניט קיין רייעך.

לאָזט מען זיך זוכן. נאָך אַזאַ נאַכט געוויס איז דאָ עפּעס ניט גלאַט, דער דאָרף האָט זיך געלאָזן איבערן זאַמד־יאַם:

— דאָ געוועזן כעוורע?

דער זאַמד שווייגט.

פּערצן כעוורע אַף די פערד זיינען אַפן יעריד געפאָרן, צוריק האָבן זיי געמוזט פירן גאָלד אין די טאַשן, וויין אין די פלאַשן און אין די בוזעמס מאַטאָנעס פאַר די קאַלע־מוידן.

— ווו איז דאָס אַלץ אַהינגעקומען, כאָטש אַ סימען פון דעם?

דער זאַמד שווייגט.

יאָרן זיינען געגאַנגען, דער וואַסער־יאַם האָט זיך געקושט מיטן זאַמד־יאַם און דעם סאָד געהאַלטן שטייף. דער דאָרף האָט שוין אין די יונגען פאַרגעסן, נאָר אַ מאַיסע איז געבליבן פון זיי. פאַרבלאָנדזשען ווילדפרעמדע מענטשן מיט אַ שיף צום ברעג, לאָזן זיך אַפן זאַמד־יאַם שפּאַצירן און שטיפן צווישן הימל און זאַמד. דערזעען זיי פונדערווייטן אַ שטעקן שטעקט, אָפּגעשאַרט דעם זאַמד ערשט דעם שטעקן האַלט אַ האַנט, לעם דער האַנט איז געוועזן נאָך אַ האַנט און אַ גאַנצער קנויל פון הענט און פון פיס.

... פֿערצן קעפּ פֿאַרשייטע אין זאַמד פֿאַרגראָבענע...

און אַזוי האָט מען פֿערצן קעפּ דאָרט איבערגעציילט, פֿערצן קעפּ פֿאַרשייטע און אין זאַמד פֿאַרגראָבענע.

באַלד האָט מען געגעבן דעם דאָרף צו וויסן,
עפּשער וועט עמיצער קומען אַ טרער פֿאַרגיסן.
עפּשער וועט עמיצער קומען
דערציילן און זאָגן,
ווי מ׳זאָל די כעוורע באַקלאָגן.

און... צי דער טרויער איז געוועזן אַזוי זיך, צי דער טרויער איז געוועזן גרויס, ווי ס׳ניט איז, נאָר די מאַיסע איז דאָ



אינהאַלט

	זייט
1. אָאַ	3
2. אין זאַמד	14